**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/7/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 20 מיליאן דאלערדיגע אפגרעיד צו צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין הערקימער קאונטי**

***ממשות׳דיגע רעהאביליטירונג פון פובליק האוזינג קאמפלעקס העכערט סך הכל יוניטס, פארבעסערט ענערגיע-שפארעדיגקייט, און פארברייטערט צוטריטליכקייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון א 20 מיליאן דאלערדיגע רענאוואציע פון דער ׳איסטערן גארדענס אפארטמענטס׳ אין דער הערקימער ווילעדזש אָוו הערקימער קאונטי. דער רעהאביליטירטער פובליק האוזינג דעוועלאפמענט איז איצט באקאנט אלס ׳סטאון רידזש מילס׳, און טוהט אנבאטן 63 נייע ענערגיע-שפארעדיגע און צוגענגליכע וואוינונגען פאר פאמיליעס.

"מיר ארבעטן אגרעסיוו אויף צו שאפן און פרעזערווירן העכסט-נויטיגע צוגענגליכע האוזינג דורכאויס דער מאוהאק וואלי און לענגאויס דעם סטעיט, אין אונזער פארשפרעכונג צו פארשטערקערן דער קאמיוניטי און ערמעגליכן פאר ניו יארקערס צו וואוינען זיכער און מיט כבוד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער גע׳אפגרעיד׳עטע ׳סטאון רידזש מילס׳ אפארטמענט קאמפלעקס וועט אפפערן מאדערנע און צוגענגליכע וואוינונגען, צושטעלן ווילעדזש איינוואוינער מיט א באקוועמע, צוגענגליכע, און געזונטע אטמאספערע."

דער ארגינעלער קאמפלעקס איז געבויט געווארן אין 1954 און האט אנטהאלטען זיבן צוויי-שטאקיגע געביידעס מיט 48 אפארטמענטס. רעהאביליטירונג ארבעט האט אריינגערעכנט נייע דעכער און סיידינג, ענערגיע-שפארעדיגע פענצטער, אָופען-פלאָר פלענער, גע׳אפגרעיד׳עטע סעקיורעטי סיסטעמס, הויך-עפעקטיווע באלייכטונג, לאָו-פלאָו פלאמבינג פיקסטשורס, נייע קיכן און באד-צימערן, און ענערדזשי סטאר עפלייענסעס.

דער פראיעקט אנטהאלט אויך די קאנסטרוקציע פון א צוגעלייגטע צוויי-שטאקיגע געביידע מיט 15 שפאגל-נייע דירות. אלע געביידעס זענען איינשטימיג מיט די סטאנדארטן פון דער ניו יארק סטעיט ענערגיע און פארשונג דעוועלאפמענט אויטאריטעט׳ס לאָו-רייז רעזידענשעל ניו קאנסטרוקשען פראגראם, EPA׳ס פערפאָרמענס-פעט מיט ענערדזשי סטאר און די פון ׳ענטערפרייז גרין קאמיוניטיס׳.

׳סטאון רידזש מילס׳ פיגורירט 14 איינציג-שלאפצימערדיגע, 34 צוויי-שלאפצימערדיגע, און צען דריי-שלאפצימערדיגע און פינף פיר-שלאפצימערדיגע דירות. רוב דירות זענען צוגענגליך פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען אממערסטנס 50 פראצענט פון דעם מיטל-פונקט פארדינסטן אין דעם געגנט.

עס זענען פארהאן אכט צוטריטליכע דירות פאר איינוואוינער מיט באוועגונג-אומפעאיגקייטן פינף פולקאם-צוטריטליכע דירות פאר איינוואוינער מיט הערן /זעהן אומפעאיגקייטן. זיבן דירות זענען באשטימט פאר די וואס זענען היימלאז אדער איינגעשטעלט אויף היימלאזיגקייט.

׳סטאון רידזש מילס׳ איז באקוועם פלאצירט נעבן פובליק טראנספארטאציע, שאַפּינג, א באנק, שפיטאל, און הערקימער קאלעדזש.

און עקזיסטירנדע העד-סטארט איינריכטונג וואס גיבט אומזיסטע פראגראמען אויפ׳ן פלאץ פאר קינדער וועט זיך אריבערציען פון דער קאמיוניטי געביידע צו אן אנדערער הערקימער האוזינג אויטאריטעט פראפערטי, ׳סטאון רידזש דעי-קעיר׳, כדי אז דער בנין זאל קענען צוריקגעשטעלט ווערן פאר א קאמיוניטי ארט. דער רעהאביליטירטער קאמיוניטי געביידע האט איצט ענערגיע-שפארעדיגע מעכאנישע, עלעקטרישע, פלאמבינג, און פייער אפהאלט סיסטעמס און צוגענגליכע לאנדרי איינריכטונגען, ווי אויך אלס נייע פלעיגראונדס און סיידוואָקס.

דער דעוועלאפער איז דער הערקימער האוזינג אויטאריטעט מיט עדזשמער אלס האוזינג קאנסולטאנט. סטעיט פינאנצירונג פאר דער דעוועלאפמענט איז דורך ׳ניו יארק סטעיט האומס ענד קאמיוניטי ריניועלס׳ אלאקירונג פון פעדעראלע און סטעיט לאָו-אינקאם האוזינג טעקס קרעדיטס וואס וועלן אריינברענגען באלד 16 מיליאן דאלער אין עקוויטי און 2.4 מיליאן דאלער פון דער פובליק האוזינג פרעזערוועישען פראגראם. נאך 1.3 מיליאן דאלער איז אויסגעטיילט געווארן דורך HCR דורך דער ׳רוּרעל ענד אוּרבּען קאָמיוניטי אינוועסטמענט פאָנד׳ צו פינאנצירן דאס אריבערציען און אפגרעיד׳ען פון די העד-סטאַרט איינריכטונג. NYSERDA גיבט 63,000 אין שטיצע.

דער רעהאביליטירונג פון ׳סטאון רידזש מילס׳ איז א טיל פון דער סטעיט׳ס פרעצעדענטלאזע 20 ביליאן דאלעדיגע פינף-יעריגע האוזינג פלאן צו מאכן האוזינג מער צוגענגליך און באקעמפן היימלאזיגקייט דורך בויען אדער פרעזערווירן איבער 100,000 צוגענגליכע היימען און 6,000 וואוינונגען מיט אונטערהאלט סערוויסעס. אין די פארלאפענע צענדליג יארן האט HCR אינוועסטירט איבער 265 מיליאן דאלער אין דער מאוהאק וואלי וועלכס האט געשאפן אדער פרעזערווירט באלד 2,600 צוגענגליכע וואוינונגען.

**רוט-ענע וויסנאוסקאס, HCR קאמישענער, האט געזאגט,** "מיר שטאלצירן זיך צו מיטארבעטן מיט דער הערקימער האוזינג אויטאריטעט אויף דער 20 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט צו רענאווירן, פארברייטערן, און פרעזערווירן צוגענגליכקייט ביין ׳סטאון רידזש מילס׳. אלע 63 דירות האבן איצט מאדערנע און ענערגיע-שפארעדיגע אייגנשאפטן און פארבעסערטע צוטריטריכקייט. פובליק האוזינג איז א קריטיש-וויכטיג רעסאָרס וואס דארף אונזער כסדר׳דיגע אינוועסטירונג כדי אז מיר זאלן קענען זיכער מאכן אז ניו יארקער פאמיליעס האבן אן ארט אנצורופן זייער היים פאר צענדליגע יארן אין דער צוקונפט."

**ריטשערד דאו, הערקימער האוזינג אויטאריטעט (סטאוני רידזש רעזידענצעס) עקזעקיוטיוו דירעקטאר האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר צו האבן באקומען די פאָנדינג, און מיר זענען באגייסטערט וועגן דער געלעגנהייט וואס עס שטעלט צו אויף צו קענען אויסמאכן. מיר זענען איצט בעסער אויסגעריכטעט צו סערווירן אלע אונזערע איינוואוינער, און צו מאכן אונזערע דירות אן אמת׳דיגער איינשליסיגער סביבה."

**דאריען מ. האריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** "דאס פארענדיגן פון די ׳איסטערן גארדען אפארטמענטס׳ פובליק האוזינג דעוועלאפמענט איז נאך א טריט פארווערטס אין ניו יארק׳ס פארברייטערונג פון צוגענגליכע און ענערגיע-עפעקטיווע און געזונטע האוזינג לענגאויס דעם סטעיט, אריינגערעכנט פאר אונזער מערסט באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג. NYSERDA׳ס שטיצע פאר דער פראיעקט׳ס הויכע קוואליטעט סיסטעמס און אייגנשאפטן שפיגלט אפ דער סטעיט׳ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו רעדוצירן שעדליכע ארויסלאז און אין דער זעלבער צייט צושטעלן די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען צו אלע ניו יארקער."

**סענאטאר פיטער אבעראקער האט געזאגט,** "הויך קוואליטעט, צוגענגליכע האוזינג צאלט רווחים פאר'ן קאמיוניטי אין אזוי פיל וועגן. דער רענאווירטער ׳סטאון רידזש מילס׳ קאמפלעקס אדרעסירט הויפט געברויכן אין הערקימער קאונטי און וועט צושטעלן א קריטיש-וויכטיגע פונדאמענט פאר פאמיליעס און יחידים. דער האוזינג דעוועלאפמענט איז פלאנירט געווארן מיט צוגענגליכקייט און ענערגיע-שפארעדיגקייט אין זינען, אינאיינעם מיט אן אויג צו העכסט-נויטיגע קינד-אנטוויקלונג פראגראמען, און איז א מוסטער וואס זאל נאכגעפאלגט ווערן לענגאויס דעם סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד ראבערט דזשעי. סמולען האט געזאגט,** "די נייע אפגרעידס וואס גייען צו ׳סטאון רידזש מילס׳ זענען א געוואונשענע אינוועסטירונג פאר צוגענגליכע האוזינג באניצער. דער פארברייטערונג פון טראנזיט צוגענגליכקייט אפציעס, דעי-קעיר באקוועמליכקייטן, און אלגעמיינע לעבנסשטייגער פארבעסערונגען פאר די איינוואוינער און וואונדערבאר צו זעהן אין דער מאוהאק וואלי."

**ווינסענט דזשעי. באנא, פארזיצער פון דער הערקימער קאונטי באורד פון לעגיסלאטארס, האט געזאגט**, "׳סטאון רידזש מילס׳ איז א לעבהאפטע, עפעקטיווע און צוגענגליכע וואוינונג ארט פאר דער קאמיוניטי. די העכסט-נויטיגע אינוועסטירונג איז א מוסטער פון וויאזוי צוגענגליכע און אויסהאלטבארע האוזינג דארף אויסזעהן. קאנגראטולאציעס צו יעדן פאר דער געוואלדיגער אויפטוה."

**מעיאר מארק נעטי האט געזאגט,** "דער הויפט רעהאביליטירונג ארבעט ביי ׳סטאון רידזש מילס׳ פארזיכערט אז דער דעוועלאפמענט וועט ווייטער געבן זיכערע און ארנטליכע צוגענגליכע וואוינונגען פאר איינוואוינער פאר פילע יארן. דער הערליך רענאווירטער געביידע און גע׳אפגרעיד׳עטע העד-סטאַרט איינריכטונג האבן געמאכט הערקימער נאך א בעסערע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן, און אויפציען א פאמיליע. א דאנק אייך צו יעדער וואס האט אזוי שווער געארבעט צו ערמעגליכן דעם פראיעקט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418